גאָלדע גוטמאַן־קרימער

# אַ חתונה אין שטעטל

גאַנץ פרי שוין איז אַ מחנה אָרעמע־לייט, אָפּגעריסענע, מיט איבערגעדרייטע שיך, מיט רויטע און ברוינע פאַסשיילעס אַרום די העלדזער, געשטאַנען אַרום דעם גאַניק. פון די צעכראַסטעטע רעקלעך האָבן ברודיקע העמדער אַרויסגעקוקט, אָדער האָריקע ברוסטן:

— שענקט טפעס די אָרעמע בעזשענצעס! —

זיי האָבן די הענט געשטרעקט צו יאָסקען און רייזלען (דער כלהס עלטערן) — שענקט עפעס אַ מלבוש, נאָקעט און באָרוועס זענען מיר!

סאַרווערינס האָבן גרויסע פייערן אויף ציגל אין הויף צעלייגט און גרויסע טשוהונעס אַרויפגעשטעלט. די יויכן און די פיש קאָכן צו דער חופה־וועטשערע.

ביילע די שניידערין האָט די געפרעסטע אָרבעס אויפן בעט אַרויפגעלייגט און, שמייכלענדיק, סאָרקען (די כלה) אַריינגערופן:

— כלה, צייט זיך אָנצוטון! שוין דריי אַזייגער!

די ברעזענטענע ווענט פונעם טשופראַן* זענען געווען באַהאַנגען און באַקלעפּט מיט שוואַרצע געבלימטע טעפיכער; גרינע און רויטע רויזן, אויף דער מאַטע געדעמפקייט, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער שרייענדיקער רויטקייט פון די קייטן, אויסגעפלאָכטענע רויזן, וואָס זענען אויף דער סטעליע און אַרום די ווענט געהאַנגען. אויף אַ הויכן אָרט, די בינע, נעבן אַ טישל מיט גרויסע זילבערנע לייכטער, אין וועלכע עס האָבן געברענט גראָבע סטעאַרינענע ליכט, האָט מען די כלה אָוועקגעזעצט. צווישן גאַנצע בינטן בלומען.

שלום בדחן, אַ הויך, אויסגעטריקנט ייִדל, אַ ריירעוודיקער ווי קוועקזילבער, מיט אַ לאַנגן גאָרגל און אַ טאַנצנדיקן קנאָפּ, אין סאַמע מיטן אונטערן פאַריי־

---

* אַ מין האָלץ־קאַמער.

סענעס שיסערן בערדל, האָט געשוועבט אָנטקעגן די מחותנים און געפּאָכעט מיט די הענט:

— לכבוד דעם מחותן ר׳ יאָסקע, דער כלהס טאַ־טע, זאָל מאַריך ימים זיין, אַ גאַנץ פיינעס מזל־טוב, געשפּילט!

אַלטע ייִדן און ייִדענעס, יונגע ווייבלעך אין דער מיט, מיידלעך מיט בחורים, פאַרלייגטע הענט אויף אַקסלען, די קעפּ פאַררייסן, האָבן אַ טאַנץ געטאָן אַ בולגאַריש, געפלאָכטן די פיס און צוטעטופּעט אויפן איינגעטראָטענעם גראָז.

— שלום, אַ רוסאַקאַ!״, שרייט אַ ברייטפּלייצי־קער בעסאַראַביעץ און האַלט שוין די הענט אין דער לופטן און שוין קנאַקט ער מיט די פיס אין דער ערד, אַז די ווענט ציטערן.

שלומל, אַ גרויסער קענער אויף געלט נעמען, שפּילט אָפּ יעדן פון די מחותנים באַזונדער, אַלט און יונג, קליין און גרויס. מען צעטראָגט די ווענט, דעם הויף, די גאַס ציטערט פון זייער קלאַפּן מיט די פיס און צופּליעסקען צו די טענץ.

— — — (צוריק פון דער חופּה) — — — יאָסקע האָט זיך אומגעדרייט צווישן די טישן און געהאָלפן דערלאַנגען דאָס עסן: געבראָטענע און געקאָכטע פיש, געבראָטענע אינדיקעס, יויך מיט מאַנדעלעך, קאָמפּאָט און פרוכטן. קלעזמער האָבן געשפּילט איין פריילעכס נאָכן צווייטן. מחותנים האָבן געפּליעסקעט און זיך פון די ערטער געהויבן...

סטינגאָטש, וועלכן מען האָט געבראַכט, ער זאָל שפּילן צו דער חופּה־וועטשערע, האָט זיינע לאַנגע ביי־נערדיקע פינגער, ציטערנדיק איבער די סטרונעס פו־נעם פידל געפירט און געלאָזט הערן פאַרשיידענע טענער...

— שפּיל, סטינגאָטשאָלע, אַ ייִדיש שטיקעלע... אַ לעבן זאָל קומען אויף דיין גויִשן קאָפּ!...

און סטינגאָטש האָט זיינע שוואַרצע אויגן צוגע־מאַכט, און טענער פון געוויין, פון האַס און פאַרביטער־רונג, פון געבעט און הכנעה, פון ווייטיק און ביטחון,

האָבן פאַרכישופט דעם זאַל אין אַ טיפן שטילשווייגן. ווען ער האָט געענדיקט די מיט אַ סוי איבער־געצויגענע אויגן, האָבן זיי זיך מיט צשוויטיקטע ייִדי־שע פּנימער באַגעגנט. סטינגאַסש האָט זיך אויסגע־גלייכט און גענומען אַ דינעם גלעטנדיקן טאָן, אַ רויִקן, ווי נאָך אַ שטורעם, און דער טאָן איז געוואָרן אַלץ ברייטער, רחבותדיקער, ווי ער וואָלט גאָסס עדה אויף די רויִקע וואַסערן אַרויסגעפירט און אויף שטילע גרינע פעלדער אויסגעשפּרייט, און דער עולם האָט גענומען אַפּזיפּצן:

— געבענטשט פון גאָט!

שלום בדחן האָט זיך אינמיטן זאַל אויף אַ באַנק אַרויפגעשטעלט, אַ פאַררייס דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך אים נאָך מער ווי פריער געהוידעט אויף זיין דינעם גאַרגל, פונעם איבעריקן ביסל בראָנפן, וואָס ער האָט גענומען און געפּרוּווט מונטערן דעם עולם, וועקן:

— ייִדן, ווייבער, מחותנים, מחותנתטעס, כלהס צד, דרשה־געשאַנק!

— דער כלהס עלטערן, זאָלן לאַנג לעבן, שענקען דרשה־געשאַנק פינף יאָר קעסט און אַ האַלבע שטוב! — האָט שלום אַלעמען איבערגעשריגן.

שלום וואַרפט מיטן קעפּל אין אַלע זייטן, זוכט די הויפּט־מחותנים.

— דרשה־געשאַנק! ר׳ אלתר פעלצנמאַכער מיט זיין ווייב כאַנטשע, זאָלן מאַריך ימים זיין, שענקען טויזנט לעי דרשה־געשאַנק!... ר׳ משה אויפער מיטן ווייב און זעקס קינדערלעך זאָלן געזונט זיין — פינף הונדערט לעי דרשה־געשאַנק!...

---

— — — אינעם בלויען פאַרטאָג, וואָס האָט אין קילקייט געטויעט אונטער דינע ווינט־כוואַליעס ווי אַ בלויער עמאַל־אויסגוס, האָבן זיך די מוזיק־קלאַנגען צעטראָגן איבער די שטילע גאַסן, באַגלייטנדיק די מידע מחותנים, טאַטע און מאַמע און דאָס יונגע פאַרחלומטע פּאָר — אַהיים...

---